

יידישער שרייבער־פאראיין אין ישראל — לייוויק־הויז

# ארכיוו פון דער יידיש־ליטעראַטור אין ישראל

תל־אביב, רח' דב הוז 30 ● פאָסט־קעסטל 11100 ● טעלעפאָן 231830



## פרעגבויגן*)

1. פאַמיליע־ און פערזענלעכער נאָמען רובינליכט לייב /ליאון/ Rubinlicht Lajb /leon/

(סיי מיט יידישע און סיי מיט לאַטייניש אותיות)

2. אין פאַל דער פאַמיליען־נאָמען איז געענדערט, אָנגעבן דעם פריערדיקן ---------

(סיי מיט יידישע און סיי מיט לאַטייניש אותיות)

3. שרייבער־נאָמען (הויפּט־פּסעוודאָנים) לייב רובינליכט

4. נעמען פון די עלטערן און פאַמיליען־נאָמען פון דער מוטער געצל, טובע.קארן.

5. דאַטע פון געבוירן: טאָג 5 חודש יוני יאָר 1899

(ווּעדליק דעם אַלגעמיינעם קאַלענדאַר)

טאָג חודש יאָר

(ווּעדליק דעם יידישן קאַלענדאַר)

6. אָרט פון געבוירן: שטאָט ווארשע לאַנד פוילן

7. פולער אַקטועלער אַדרעס תל-אביב,רח'בצרון 38/4 טעלעפאָן 365 83

8. אַקטועלע פּראָפעסיע, אָדער פּרנסה־געביט אויסער שריפטשטעלעריי בוכהאלטעריי

9. משפּחה־שטאַנד באווייבטער נאָמען פון דער פרוי חנה /אננה/

נעמען פון די קינדער ---------

10. ווען עולה געווען אין לאַנד אַריין און פון וואַנען 18 אפריל 1949,דייטשלאנד /נאך דייטשלאנד געק ומען פון פוילן/

11. בילדונג מאטוריסט /שטודירט 1 יאר כעמיע אויף דער לעמבערגער פאליטעכניקע/

12. אַקאַדעמישע טיטלען ---------8

13. מיטגלידערשאַפט אין פּראָטערנאַלע, פּראָפעסיאָנעלע און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס ---------

14. ווען און וווּ דעביוטירט אין יאר 1917-18 אין יידיש-פוילישן חודש שריפט "גלאס זשידאווסקי"און אפיניא ש זשידאווסקא"אונטער די רעדאקציע פון הירשהארן און אפענשלאק.
(אָנגעבן די דאַטע און דעם מקור)

15. אַרויסגעגעבענע ביכער א בוך אונטערן קעפל "לידער" געדרוקט אין תל-אביב ,פארלאג "ניי-לעבן"תשל"ג - 1973
(אָנגעבן די נעמען פון די ביכער, ווען דערשינען און אין וועלכע פאַרלאַגן. ביי מערערע ביכער — ביילייגן אַ באַזונדער ביבליאָגראַפישע רשימה)

*) שרייבן ווי מעגלעך דייטלעך; די לאַטייניש אותיות שרייבן מיט אָנהייב־אותיות (ווערסאַליק).

16. אין וועלכע צייטונגען און צייטשריפטן זיך באַטייליקט? "צוקונפט","ניו-יארקער וואכנבלאט""פאריזער היפטן""ווארגא"/ווארש.בעטא ווידערשטאד ארגאנ./"יידישע צייטונג""ישראל שטימע","לעבנס פראגן","פראבלעמען",צפת'ער ליטערארישע העפטן"און נאך.

17. אין וועלכן כאַראַקטער זיך באַטייליקט אין צייטונגען און אין צייטשריפטן?

ביישטייערער

(סטאַבילער מיטאַרבעטער, אָדער ביישטייערער)

18. אויב פאַרעפנטלעכט אַרבעטן אונטער פאַרשיידענע פסעוודאָנימען — אונטער וועלכע?

אין דער יוגנט אונטער דעם פסעוודאנים "עלער" /ל.ר.ראשי-תבות וואס אין דער פוילישער שפראל לייענט זיך"על-ער"/

19. אויב רעדאַגירט ביכער, צייטונגען, זשורנאַלן — וועלכע און ווען?

ניין

20. אויב באַקומען ליטעראַטור- אָדער אַנדערע פרייזן — וועלכע און ווען? ניין

21. אויב געשריבן אין אַנדערע שפּראַכן אויסער יידיש — אין וועלכע? פויליש

22. וועלכע אַרבעטן האָט איר נישט אַרויסגעגעבענע אין דרוק? לידער וועלכע זענען צוליב געלט-מאנגל נאך נישט געדרוקט געווארן.

(אויסרעכענען די אַרבעטן און זייערע מחברים)

23. האָט איר איבערגעזעצט אויף יידיש פון אַנדערע שפּראַכן? ניין

24. זענען אייערע אַרבעטן איבערזעצט געוואָרן אין אַנדערע שפּראַכן — אין וועלכע און דורך וועמען? ניין

(אויסרעכענען וועלכע אַרבעטן)

25. צי האָט איר ביבליאָגראַפישע מאַטעריאַלן וועגן אייערע אַרבעטן? וועגן אַלע, וועגן אַ טייל — וועלכע?

אפהאנדלונגען וועגן מיין בוך "לידער"אין דער "לעצטע נייעס"פון 2 מערץ 1973 און "יידישע צייטונג" 27 יולי 1973

26. צי לייגט איר בײַ צו דעם בויגן ביבליאָגראַפישע מאַטעריאַלן? ניין

27. אין וועלכע לעקסיקאָנען, ביבליאָגראַפישע ווערק און אַנדערע איז וועגן אייך געשריבן געוואָרן און דורך וועמען?

---------

28. געפינען זיך בײַ אייך מאַטעריאַלן פון אַרכיוואַלן ווערט וועגן אַנדערע יידישע שרייבער (בריוו, כתב־ידן א"א)?

ניין

29. זענט איר גרייט די אויבנדיקע מאַטעריאַלן איבערגעבן אין אונדזער אַרכיוו (עווענטועל צו קאָפּירן)?

מיר בעטן בײַלייגן אַ קורצע אויטאָביאָגראַפיע און עטלעכע פאָטאָס פון פאַרשיידענע תקופות.

אָרט תל-אביב דאַטע 3 מערץ 1974

אונטערשריפט

לייב רובינליכט

קורצע אויטאביאגראפיע. /א ביילאגע צו דעם פרעג-
בויגן פאר דעם יידישן שרייבער פאראיין./

געבוירן בין איך דעם 5 יוני 1899 יאר ביי א חסידישער, יחוסדיקער און אינ-
טעליגענטער משפחה, וואס האט געצויגן איר שטאם פון ר'אברהמל ווינאווער-דער
ערשטער דאזאר אין דער ווארשעווער קהילה. דער טאטע מיינער איז געווען א פאט-
ריארכאליש אויסזעענדיקער ייד. און אנגעגאנגען פאר א גרויסן חכם און תלמיד-
חכם בעקענטש שפראכן, געווען בקי אין יוריספרודענץ און אימפאמירט מיט זיין פער-
זענלעכקייט.
אלס חסידישער ייד האט ער בעזארגט דערפאר אז די קינדער זאלן גיין אין זיינע
דרכים. פונדעסטוועגן האט ער זיי נישט געשטערט צו בילדן זיך אין די וועלטלע-
כע לימודים. און קינדער זענען ביי אונדז געווען אן עין הרע צוועלף. און אלע
באגאבטע אויף פארשידענע געביטן. געווען מאלער, סקולפטארן, שוישפילער /בעלא בע-
לארינא פון די ווילנער טרופע/און אויך שרייבער/צווישן זיי מיין ווייניקייט/
איך האב ווי אלע מיינע ברידער געלערנט אין חדר, שפעטער געענדיקט גימנאזיע,
/קרינסקי/אנגעהויבן שטודירן כעמיע אבער נישט פארענדיקט צוליב זיין געצווונ-
גען זוכן פרנסה./די ערשטע וועלט-מלחמה האט פאראורעמט אונדזער הויז, וואס
איז געווען ביז דער מלחמה גענוג פארמעגלעך/. מיין מיליטערישע דינסט האב איך
דורכגעמאכט אין דער פוילישער ארמיי. דעם היטלער-גהינם דורכגעליטן אין וואר-
שע. מיין משפחה, אויסער עטלעכע אפגעראטעוועטע, וואס האבן זיך געפונען אויסער
די גרענעצן פון פוילן, איז אומגעקומען אין די גאז-קאמערן פון טרעב-
לינקע.
אנגעהויבן מיין ארבעט האב איך אין דער רעדאקציע פון דעם פויליש-יידישן
ה[illegible]ש-שריפט "אופיניא זשידאווסקא" און שפעטער "גלאס זשידאווסקי" אונטער דער
רעדאקציע פון הירשהארן/דעם שפעטערדיקן סיים-דעפוטאט אין פוילן/און אפענ-
שלאק./ביידע די שפעטערדיקע רעדאקטארן פון דער פויליש-יידישער טאג-צייטונג
"נאש פשעגלאנד"/. שוין אין יענע יארן פלעג איך שרייבן לידער, אבער מערסטנס
אין דער פוילישער שפראך און אונטערגעשריבן זיך מיט דעם פסעוודאנים "עלער"
/ר"ת. ל.ר. אין פוילישן לייענט זיך על-ער/. מיינע יידישע לידער זענען
פארעפנטלעך געווארן אין פארשידענע צייטונגען און זשורנאלן ווי: "די צו-
קונפט", "ניו-יארקער וואכנבלאט", "פאריזער העפטן", "יידישע צייטונג", "ישראל
שטימע", "פראבלעמען" "צפת'ער ליטעראַרישע העפטן" און נאך.
לעצנס איז דערשינען א בוך מיט א אפקלייב פון מיינע לידער אונטערן קעפל
"לידער". איך האב אויך לידער צוגעגרייטע צום ארויסגעבן א צווייט בוך לידער.

תל-אביב דעם 3 מערץ 1974

דאטע:..........22 יולי 1973

צו
דער פארוואלטונג פון
יידישן ליטעראטן און זשורנאליסטן פאראיין
אין ישראל, <u>תל-אביב.</u>

חשובע פריינד,
דערמיט בעט איך אנצונעמען מיך אלס מיטגליד אין פאראיין פון ~~א~~
די יידישע שרייבער אין ישראל.

צו דער ווענדונג לייג איך בײַ, אין הסכם מיט אײַער סטאטוס,
צוויי רעקאמענדאציעס פון פאראיין-חברים.

מיט כבוד,
..........לייב רובינליכט (signature)
אונטערשריפט.

אדרעס:....לייב רובינליכט..........
תל-אביב, 67.894 רח' בצרון 38/4.....

---

<u>פראגע - בויגן</u>
(אויספילן דײַטלעך)

1. פאמיליע און נאמען(אין יידיש)........לייב רובינליכט..........
2. ליטעראַרישער פסעאודאנים ..............................
3. געבוירן אין יאר....1899.... אין.....פוילן, ווארשע.........(לאנד און שטאט)
4. עולה געווען קיין ישראל אין יאר ..1949........
5. געניַיער אדרעס אין ישראל ...תל-אביב, רח' בצרון 38/4...........
6. באשעפטיקונג אין ישראל .....בוכהאלטער.......................
7. מיטארבעט אין זשורנאלן און צייטונגען(אין אויסלאנד און אין ישראל)
"די צוקונפט", ניו יארקער וואכנבלאט "פאָלקס־...", ... זשורנאל
פון ווארשע. געשטאלט ווילנער ארגאניזאציע/ יידישע צייטונג", ישראל שטימע, פראבלעמען, לעבנס־פראגן,
"בפתער ליטעראַרישע העפטן"
8. ארויסגעגעבן ביכער ..........".ל.י.ד.ע.ר."....פארלאג "ניי לעבן" תשל"ג
.............................................
.............................................
9. קורצע אויטאביאגראפיע:....אין די קינדעריארן געלערנט אין חדר, אין די יונגע יארן געלערנט אין גימנאזיע/מיידלער און שפעטער קרינסקי/געזלינג..
אין פוילישן מיליטער, מאטורע געמאכט אין לעמבערג און דארט שטודירט 2 יאר כעמיע. געארבעט אין א באנק אלס בוכהאלטער און אויך אין פרי-
וואטע פירמעס ביז דעם אויסברוך פון דער מלחמה. די היטלער-שוידער-יארן
אדורכגעמאטערט אין ווארשע. געשריבן פון צייט צו צייט לידער, מערסטנס
אין פויליש.

---

<u>באשלוס פון דער פארוואלטונג</u>

25/II 74

די ווענדונג איז באהאנדלט געווארן דעם ..........................
און סאיז באשלאסן געווארן ..........................
.................................................. (signature)

ליב רובינליכט
תל-אביב 67 894
רח'בצרון 38/4

תל-אביב 20.4.1973

צו

די חשובע פארוואלטונג פון דעם
יידישן שרייבער-פאראיין אין ישראל
ל י י ו ו י ק - ה ו י ז
תל-אביב,רח'דב הוז 30

איך בעט אננעמען מיך אלס מיטגליד פון אייער חשובן פאראיין.

מיט כבוד

אין חודש יאנואר ה.י.איז דערשינען
מיין בוך " לידער "/פארלאג"ניי-לעבן"/
/איין עקזעמפלאר געפינט זיך אין דער
ביבליאטעק פון "לייוויק-הויז"/

מיינע לידער ווערן זינט יארן געדרוקט
אין די זשורנאלן:
"די צוקונפט"
"ציו יארקער וואכנבלאט"
"פארייזער העפטן"
"ישראל שטימע"
"לעבנס פראגן"
"פראבלעמען"
"וואראא"/זשורנאל פון ווארשעווער
געסא ווידערשטאנד ארגאניזאציע,ניו יארק/
"יידישע ציטונג

לייב ראָזענפֿעלד

תל-אביב, רח׳ בצרון 38/4

אַרויסגעגעבן 2 בענד לידער

אין יאָר 1953

אונטערן טיטל

„לידער“

געדרוקט לידער אין „צוקונפֿט“

ניו-יאָרק-עקספּרעס „דער וועג צום לעבן“

„פֿאָלקסשטימע“ און נאָך.

13

דער פארוואלטונג פון
ווידער אויפגעשטעלטן און רעארגאניזירטן פאראיין
אין ווארשע.

איך רעקאמענדיר דעם פריינט לייב רובנלינד
אלס מיטגליד פון אונזער פאראיין.

[illegible]

יוסף גאלדקורן

ת״א 20.7.73

צו

דער פארוואלטונג פון

יידישן ליטעראטן און זשורנאליסטן פאראיין

אין ישראל.

איך רעקאמענדיר דעם פריינד לייב רובינליכט אלס מיט-
גליד אין אונדזער פאראיין.

מיט אכטונג

תל-אביב דעם

[illegible]

רח' הגלבוע 48/17

רמת-גן